בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת פינחס תשפ"ה | שבת מברכין | גליון 802 [שנה י"ז]

**פנחס האט געמיינט כולו לשם שמים**

וְשֵׁם אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַמֻּכֶּה אֲשֶׁר הֻכָּה אֶת הַמִּדְיָנִית זִמְרִי בֶּן סָלוּא נְשִׂיא בֵית אָב לַשִּׁמְעֹנִי. (כ"ה י"ד) פרעגט דער אוה"ח הק' פארוואס ביז יעצט רופט אים די תורה נאר וְהִנֵּה אִישׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל (כה ו) און נאר שפעטער שטייט זיין נאמען וְשֵׁם אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַמֻּכֶּה זִמְרִי בֶּן סָלוּא? און ענטפערט ווייל ביז יעצט איז געווען נאר אין די מחשבה פון זִמְרִי צו זינדיגן און נישט א מעשה, און כל זמן ער האט נישט געטאן א מעשה וויל מען אים נישט מבזה זיין, אבער נאכן טאן די מעשה עבירה איז א מצוה צו מפרסם זיין א רשע עכ"ד, נאר מען קען אויך זאגן אז אין יעדן קנאות קען זיין אריין געמישט עפעס נגיעות פון נקמה, וואלט מען געקענט מיינען אז פינחס האט עפעס געהאט א עסק מיט זִמְרִי און יעצט האט ער געטראפן די פאסיגע מינוט צוריק צו באצאלן זִמְרִי דורך קנאות. דעריבער איז די תורה מעיד אז פינחס האט גארנישט געוואוסט ווער איז דער איד וואס איז עובר א עבירה נאר שפעטער אז דאס איז זִמְרִי בֶּן סָלוּא. (בית ישראל למוה"ז הרה"צ ר' ישראל טויסיג אדמו"ר ממאטעסדארף מזקנו הגאון ר אהרן זינגר תפארת אהרן אב"ד מאטטערסדארף)

**שיינע דרוש אויף "לכן אמור"**

לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם: (כה יב) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין אֱמֹר ווען דער אויבערשטער האט שוין גערעדט צו משה, האט געקענט שטיין בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם וגו' לָכֵן הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם? אויך דארף מען פארשטיין וואס איז געווען דער בְּרִיתִי שָׁלוֹם? נאר דער **אבן עזרא** לערנט אז שָׁלוֹם מיינט אז פינחס דארף נישט מורא האבן פון די ברידער פון זמרי אז זיי וועלן אים הרגנען, ווייל עס וועט זיין שָׁלוֹם, קומט אויס אז דער אויבערשטער האט געגעבן פאר פינחס א ברכה פון שָׁלוֹם און א הבטחה פון וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: וואלט מען געקענט דא מחדש זיין לויט וואס עס שטייט אין ספה"ק מגיד תעלומה פון הייליגן בני יששכר צו מפרש זיין די גמ' (ברכות דף לא עב) ווען שמואל האט געפסקענט א הלכה בפני רבו, האט עֵלִי געזאגט ער איז חייב מיתה, האט חַנָּה זיך איינגעבעטן ער זאל אים לאזן לעבן, האט עֵלִי געזאגט איך וועל אים שטראפן, און דיר געבן א בעסערע זון פון אים, האט חַנָּה געזאגט (שמואל א א כז) אֶל הַנַּעַר הַזֶּה הִתְפַּלָּלְתִּי, איז ער מסביר לויט וואס דער הייליגער חוזה מלובלין טייטשט אז ווען א צדיק איז גוזר און עס ווערט מקויים, איז דאס נאר אויף א צייט, אבער דורך תפילה, און דער אויבערשטער ענטפערט, איז דאס א אייביגע ישועה, און אויף דעם שטייט אין זיין ספר **בני יששכר** (שבת מאמר ח' אות ט"ז) אז דאס מיינט דער פסוק (תהלים סט יד) וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן אֱלֹקִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ. אויב דער אויבערשטער ענטפערט זיין תפלה, איז דאס ברכת ה' און בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ. איז דאס א אייביגע ישועה, דעריבער האט חַנָּה געזאגט אויב עֵלִי וועט גוזר זיין א קינד וועט דאס זיין נאר אויף א צייט, אבער אֶל הַנַּעַר הַזֶּה "הִתְפַּלָּלְתִּי", און מיין תפילה האט דער אויבערשטער געענטפערט, איז דאס א אייביגע ישועה עכ"ד. אויב אזוי, לויט דעם אבן עזרא אז שלום מיינט פון די ברידער פון זמרי, איז דאס נאר א צייט, און דעמאלט איז געווג אז צדיק גוזר והקב"ה מקיים, דעריבער שטייט לָכֵן "אֱמֹר" זאלסט גוזר זיין בבחינת צדיק גוזר, אז עס זאל זיין שלום און צודעם דארף מען נישט תפילה כנ"ל. (שמח זבולון תשפ"ה)

**פארוואס שטייט נישט ואת אלעזר?**

וַיִּוָּלֵד לְאַהֲרֹן אֶת נָדָב וְאֶת אֲבִיהוּא אֶת אֶלְעָזָר וְאֶת אִיתָמָר: (כו ס) עס איז דא א אינטרעסאנטער דיוק פארוואס ביי אֶלְעָזָר שטייט נישט וְאֶת אֶלְעָזָר וואס דא איז דאך א המשך פון וְאֶת אֲבִיהוּא וְאֶת אֶלְעָזָר, –און דאס זעלבע טרעפט מען (שמות ו כ"ג) וַיִּקַּח אַהֲרֹן אֶת אֱלִישֶׁבַע בַּת עַמִּינָדָב אֲחוֹת נַחְשׁוֹן לוֹ לְאִשָּׁה וַתֵּלֶד לוֹ אֶת נָדָב וְאֶת אֲבִיהוּא אֶת אֶלְעָזָר וְאֶת אִיתָמָר, שטייט אויך נישט וְאֶת אֶלְעָזָר, נאר אזוי ווי דא, וְאֶת אֲבִיהוּא אֶת אֶלְעָזָר? נאר דער אויבערשטער האט געהאט געגעבן פאר אהרן צוויי פאר קינדער, נָדָב וַאֲבִיהוּא איז געגעבן געווארן צו מקדש זיין שם שמים ברבים דורך זייער מיתה, דעריבער שטייט אֶת נָדָב וְאֶת אֲבִיהוּא, [און לפי"ז איז גוט די סמיכות גלייך נאכדעם וַיָּמָת נָדָב וַאֲבִיהוּא בְּהַקְרִיבָם אֵשׁ זָרָה לִפְנֵי ה: דאס איז געווען זייער תכלית פון די בריאה, המו"ל תשפ"ה] און אויך האט אהרן געהאט א אנדער פאר קינדער אֶת אֶלְעָזָר וְאֶת אִיתָמָר, זיי זאלן איבערנעמען די כהונה לדורות. דעריבער שטייט נישט וְאֶת אֶלְעָזָר נאך וְאֶת אֲבִיהוּא, ווייל ער איז געווען פון א אנדער פאר. (אמרי שפר הגאון רבי שלמה קלוגער)

**דער ענין פון "קח לך"**

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה קַח לְךָ אֶת יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ וְסָמַכְתָּ אֶת יָדְךָ עָלָיו: (כז יח) פרעגן אלע מפרשים –רש"י, אוה"ח הק' ועוד– פארוואס דארף שטיין קַח "לְךָ"? נאר עס שטייט אין גמ' (יומא דף ג' ע"ב) דאס וואס שטייט וַיֹּאמֶר אֶל אַהֲרֹן "קַח לְךָ" עֵגֶל בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת: (ויקרא ט ב) מיינט קַח לְךָ, "מִשֶּׁלְּךָ" פון דיין געלט, און נישט פון די געלט פון ציבור, סיי לויט רבי יאשיה און סיי רבי יונתן, אויב אזוי איז גוט, ווייל דא האט דאך דער רבש"ע געוואלט אז מֹשֶׁה זאל איבערגעבן פון זיינע מדריגות צו יְהוֹשֻׁעַ, אזוי ווי עס שטייט ווייטער (פסוק כ) וְנָתַתָּה מֵהוֹדְךָ עָלָיו, דעריבער שטייט קַח לְךָ, "מִשֶּׁלְּךָ", פון דיר אליין זאלסטו נעמען מדריגות, און דאס געבן צו יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן ווייל אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ, ער האלט דערביי, און וְסָמַכְתָּ אֶת יָדְךָ עָלָיו, קענסט אים געטרויען מיט די מדריגות. (שמח זבולון תשפ"ה)

## מדור העובדות

***** הרה"ק ר' דוד לעלובער ראטעוועט א איד דורך עניות, וואס ער האט אים פארשעמט *****

הגאון ר' אליעזר דוד אב"ד לעלוב האט דערציילט אז הרה"ק ר' דוד מלעלוב זיע"א פאר ער איז נתפרסם געווארן, איז ער געווען א ארימאן און ווען ער האט געוואלט גיין קיין ליזענסק און זיך דורכרעדן א ענין ביי זיין רבין רבי אלימלך זיע"א, האט ער נישט געהאט קיין געלט צו פארן מיט א וואגן, און אזוי איז ער געגאנגען צו פוס אביסל, און אידן האבן רחמנות געהאט און מען פלעגט אים נעמען א שטיק וועג ביז ער איז אנגעקומען קיין ליזענסק. איינמאל איז ער פונקט


הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

ארוים פון שטאט און א וואגן שטעלט זיך אפ און פרעגט ר' דוד וואו דארף ער גיין? און ער ענטפערט קיין ליזענסק, זאגט אים דער איד אז ער פארט אויך צו רבי אלימלך און ער קען אים מיטנעמען, ר' דוד האט אים זייער געדאנקט און גייט ארויף אויפן וואגן, דער איד דערציילט אים אז ער וואוינט אין ווארשא און ער פארמאגט אסאך רכוש, און ער פרעגט ר' דוד ווער ער איז און האט געענטפערט א איד! דער גביר איז געווען א שטיקל בעל גאוה און האט נישט געהאט צופיל גוטע מדות, און די גאנצע וועג האט ער זיך געטשעפעט און געמאכט ליצנות ווי אזוי ר' דוד איז אזוי דאר און ארעם רח"ל.

ר' דוד האט אים נישט צוריק געענטפערט און האט אלעם מקבל געווען באהבה. ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ליזענסק האט דער גביר געפרעגט ר' דוד אויב ער וויל אויך אהיים פארן מיט אים? האט אים ר' דוד געזאגט אז ער מיינט ער וועט זיין ביים רבי אלימלך א לענגערע צייט, אבער דער גביר האט געזאגט אז ער וועט ווארטן, ר' דוד ענטפערט: גוט, ער וועט זען שפעטער. דערווייל איז דער גביר אריין צום רבי ר' אלימלך, און ר' דוד איז געגאנגען מאכן א הכנה פארן אריינגיין צום רבין, און דערנאך איז ער אריין און פארברענגט מער ווי צוויי שעה ביים רבין, און דער גביר האט געווארט אויף ר' דוד, אבער ווען ר' דוד איז ארוים פון רבין האט ער געזאגט אז ער וועט בלייבן דא א ביסל. דער גביר האט זיך געזעגנט פון ר' דוד, און ר' דוד האט אים געזאגט איך וויל דיר געבן א עצה: ווען דו וועסט פארן אהיים און אינמיטן וועג וועסטו הערן פון דערווייטנס א קול פון א מענטש וואס שרייט, זאלסטו זיך נישט אפהאלטן נאר גלייך נאכגיין דעם קול און דו וועסט שוין וויסן וואס צו טאן!

דער גביר דאנקט ר' דוד און ווען ער זעצט זיך אריין אין וואגן איז אים שלעכט געווארן ווייל ער האט שוין געזען אז ר' דוד איז נישט קיין פשוטער מענטש, ווייל קיינער זיצט נישט ביי רבי ר' אלימלך צוויי שעה! און האט חרטה געהאט אויף וואס ער האט מבזה געווען א צדיק, און יעצט דארף ער פאלגן וואס ר' דוד האט אים געזאגט, און טאקע באלד אנפאנג פארן האט ער געהערט פון דערווייטנס ווי א מענטש שרייט ראטעוועט! און דער גביר איז נאך געגאנגען דעם קול ביז ער איז אנגעקומען צו א טייך און ער זעהט א וואגן איז אריינגעפאלן אין די וואסער, ער נעמט א שטריק און בינט דאס צו צום וואגן און ער שלעפט דאס ארוים און אין וואגן איז געווען א מענטש האלב פארפרוירן און איז געווען הונגעריג, דער גביר נעמט אראפ זיין פעלץ און גיט דאס דעם מענטש, און פראבירט אים זיך צו דערכאפן, און נאכדעם פירט ער אים צו זיין שטוב און דערציילט פאר זיין בני בית אלעם וואס איז געווען און מען האט גוט באהאנדלט דעם מענטש און איז געקומען צו זיך.

דער מענטש איז געווען פון די גרעסטע שרים פון ווארשא, און האט געפרעגט דער גביר וואו וואוינט ער און מיט וואס ער קען אים באצאלן? האט ער געענטפערט ער וואוינט אין ווארשא און אז עס פעלט אים גארנישט, אבער דער שר האט געזאגט איך וואוין אויך אין ווארשא און בעט אים ער זאל אראפשרייבן זיין נאמען און די אדרעס וואו ער וואוינט, און זיי האבן זיך געזעגנט.

דערווייל האט זיך געדרייט דער מזל פון גביר און ער האט אלעם פארלוירן און איז געווארן א עני המחזיר על הפתחים, און זיך געדרייט מיט ארחי פרחי און פארגעסן אז ער איז אמאל געווען א גביר. דאס האט זיך געצויגן צען יאר, ווען איינמאל האט מען זיך דערוואוסט אז אין ווארשא וועט זיין א וועלטס יריד און אסאך גבירים און שרים וועלן קומען, און דער געוועזענער גביר איז דארטן געגאנגען קלייבן נדבות, און אינמיטן ארומגיין זעהט ער ווי א גרויסער שר מיט א רייכע קארעטע קומט אין מארק און דער געוועזענער גביר נעמט אראפ זיין הוט און שטרעקט דאס אויס אז דער שר זאל אים געבן געלט, דער שר קוקט אים אן שטארק און זאגט, "קום אהער איד!" און דער ארימאן האט מורא געהאט פון שר און איז אנטלאפן, אבער דער שר האט געשיקט זיינע באדינערס אים צו כאפן און געברענגט פארן שר, דער ארימאן ציטערט יעצט וואס גייט דער שר טאהן צו אים!

אבער דער שר בארוהיגט אים און פרעגט דו דערקענסט מיר נישט? ענטפערט ער אז ניין! פרעגט אים דער שר ווי אזוי ער הייסט און וואו ער וואוינט און ווען דער גביר ענטפערט אויף אלעם רופט זיך אן דער שר, איך האב דיר גלייך דערקענט אז דו האסט מיר אמאל געראטעוועט מיין לעבן, און די דיינע סימנים זענען אלע געווען ריכטיג, דער שר נעמט ארוים זיין פינקס און ווייזט פארן געוועזענער גביר אז ער האט אלעם פארשריבן, דער שר האט אים געפרעגט וואס איז געשען צו אים? און האט דערציילט אז צען יאר דרייט ער זיך ארום נאך געלט, און ער זעהט נישט קיין ענדע! האט אים דער שר געזאגט דעמאלטס האב איך דיר געוואלט באלוינען און דו האסט נישט געדארפט געלט, אבער יעצט זע איך אז דו ביזט אין נויט און איך וועל דיר העלפן זיך אוועקשטעלן אויף די פיס.

דער שר האט געזאגט, היות אז ער האב נישט קיין געלט ביי אים דעריבער שרייב איך אפ א שטר פון צוויי טויזנט רובל, און דו זאלסט גיין צום באנק און זיי וועלן דיר געבן די געלט, און מיט דעם שטעל זיך צוריק אויף דיינע פיס, און איך פריי זיך אז איך קען דיר באצאלן פאר ראטעווען מיין לעבן, און דער גביר האט געדאנקט דעם שר און ער איז געגאנגען אין באנק און מיט די געלט האט ער אנגעהויבן צו האנדלען און דער אויבערשטער האט אים געהאלפן און איז געווארן צוריק א עושר.

דערווייל איז רבי ר' אלימלך נסתלק געווארן (כ"א אדר תקמ"ז), און זיין תלמיד דער חוזה מלובלין האט איבערגענומען, און אויך ר' דוד מלעלוב איז נתפרסם געווארן אלץ א פועל ישועות, און מען איז געפארן צו אים פון איבעראל, און אויך דער גביר איז געקומען זיך פראווען ביי ר' דוד, און ווען ער איז אריינגעקומען, האט אים ר' דוד גלייך דערקענט און אים אויסגעפרעגט קלאר וואס איז געשען מיט אים די לעצטע יארן, און דער גביר האט אים אלעם דערציילט, האט אים ר' דוד געזאגט, איך בין דער איד וואס איז געפארן מיט דיין וואגן וואס דו האסט געמאכט ליצנות פון אים, און אין הימל האט מען גוזר געווען אז דו דארפסט שטארבן, ווען איך בין געווען ביי רבי אלימלך, האבן מיר פרובירט מבטל צו מאכן דעם גזר דין, און איך האב ממליץ געווען אז דו האסט מיר פארט א טובה געטאן, האט מען אויסגעארבעט אז דו זאלסט ווערן א ארימאן וואס איז חשוב כמת, און די צען יאר גלות וועט זיין א כפרה פאר דיר! דער גביר האט איבערגעבעטן ר' דוד און איז געבליבן א חסיד פון ר' דוד מלעלוב (ז' שבט תקע"ד), און צוריק מצליח געווען אין זיינע געשעפטן, זיע"א. (אוצר הסיפורים ח"ב מאשקאוויטש)

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

סעט ירושלמי זיטאמיר מצב מלכות כריכת עור עתיק $5000 תיקוני זוהר זיטאמיר תרכה הסכמת טשערנאביל מצב מלכות כריכה ארגנלית $3800 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 מכתב ע"י תלמידי יח"ל שנת תש"א על צורך הקמת הישיבה ומתארים תועלת ותולדות הישיבה, חותמים בעל שבט הלוי, הרב אלימלך אשכנזי, הרב יצחק פלקסר, והרב מנדל מונדרר $4000 ספר עם הגהות השפת אמת מגור עם האמרי אמת והרה"ק ר' משה בצלאל $60000 דברי יהושע מאניסטריטש ב' חלקים בארדיטשוב $1500 ערבי נחל שייך להרה"ק ר' אהרן פערלאוו מקיידינוב $7000 ספר שייך להתפארת עוזיאל תלמיד המגיד ממעזריטש וגם השפת אמת מגור $35000 ייטב לב דפו"ר $1500 מכתב ר' יונתן שטייף מבקש עזרה מר' יעקב רוזנהיים לקבל היתר יציאה מפעסט תש"א $1500 סעט שפתי צדיק פיליץ נדיר $1500 ג' חתימות על דף אמרי אמת מגור $1500 אמרי אלימלך דפו"ר גראדזיסק שייך להרה"ק ר' משה מסטאלין $3000 שו"ע יו"ד ח"ב סלאוויטא $3200 אור המאיר עם הקדשת ר' מאיר שפירא $1000, תהלים בן ביתי דפו"ר $1500, תהלים זיטאמיר מצודות $24000 ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 תורה תמימה ד' חלקים עם הקדשות אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 מהר"ם שיק עם הקדשת קרן לדוד $2800

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Summer Hours are 12 -7:00 Fri 11-1:00, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store. check out our website www.seforimworld.com

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש און אלטע געלט.